**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 02/27/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## שאפנדיג דזשאבס מיט ריינע ענערגיע: גאווערנער האקול אנאנסירט באשטעטיגונג פון 25'טע באנייבארע ענערגיע פראיעקט דורך ניו יארק סטעיט אין פיר יאר

***מער פון 3.6 GW פון גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע אין ריינע ענערגיע פראיעקטן אונטער אנטוויקלונג***

***135 MW פון ריינע סאלאר ענערגיע אין ליווינגסטאן קאונטי צו צושטעלן עלעקטריציטעט פאר מער פון 18,000 הײמער און שטיצן 150 לאקאלע קאנסטרוקציע דזשאבס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט אז איבער די לעצטע פיר יאר האט ניו יארק סטעיט געגעבן פערמיטס פאר 25 גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע פראיעקטן, צולייגנדיג 3.6 גיגאַוואַטס פון נייע סאלאר און ווינט טרייב קראפט אין די סטעיט'ס ליסטע פון ריינע ענערגיע פראיעקטן אונטער אנטוויקלונג. די ניו יארק סטעיט אפיס פון ריינע ענערגיע לאקאציעס און עלעקטריציטעט אריבערפירונג (Office of Renewable Energy Siting and Electric Transmission, ORES) האט ארויסגעגעבן אן ענדגילטיגע לאקאציע פערמיט פאר דעם White Creek סאלאר פראיעקט צו אנטוויקלען, בויען און אויפהאלטן סאלאר פאנעלן מיט 135 מעגאַוואַטס (megawatt, MW) אין די טאונס יארק און לייסעסטער אין ליווינגסטאן קאונטי. דאס צייכנט אפ די 20'סטע גרויסארטיגער ריינע ענערגיע פראיעקט באשטעטיגט דורך ORES זינט 2021, די יאר ווען עס איז אוועקגעשטעלט געווארן צו אונטעריאגן די פערמיט פראצעדור פאר אויפטרייבונג פון באנייבארע ענערגיע.

"דער White Creek סאלאר אינסטאלאציע אין מערב ניו יארק שפיגלט אפ ניו יארק סטעיט'ס פארשריט אין ריכטונג פון שאפן אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט איבערגעארבעטע לאקאציע אויסוואהל פראצעדורן דורך די אוועקשטעלונג פון ORES פיר יאר צוריק, טוט ניו יארק אונטעריאגן די פערמיטס פאר ריינע ענערגיע פראיעקטן צו עררייכן אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע בשעת'ן שאפן שיין-באצאלטע דזשאבס וואס בענעפיטירן קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

די נייע סאלאר איינריכטונג וועט באשטיין פון די סאלאר פאנעלן און פארבינדענע עקוויפמענט, צוזאמען מיט א סאַב-סטעישען צו פארבינדן די איינריכטונג מיט די גריד, צוימען, צוטריט שאסייען און אן אפעראציע און אויפהאלטונג געביידע. די איינריכטונג וועט פארבינדן ווערן צו די ניו יארקע עלעקטרישע גריד דורך א נייע פארבינדונג פונקט, געפונענדיג זיך אויף עלעקטריציטעט דראטן פון Rochester Gas & Electric.

די בענעפיטן פאר די דערנעבנדע קאמיוניטי רעכענען אריין די שאפונג פון פערמאנענטע דזשאבס דורכאויס אפעראציעס, לאקאלע פראפערטי טעקס איינקונפט, לאקאלע און ראיאנישע שפענדונג און אפמאכן מיט די ארומיגע קאמיוניטיס אין די טאונס אָוו יארק און לייסעסטער — דאס אלעס אן באדייטנד העכערן קאסטן פאר לאקאלע אויטאריטעטן, סקול דיסטריקטס אדער עמערדזשענסי סערוויסעס.

בענעפיטן וועלן אויך אריינרעכענען פארבעסערונגען פון עפנטליכע שאסייען, פארמערטע שטייער איינקונפטן צו פינאנצירן לאקאלע אינפראסטרוקטור און פובליק סערוויסעס, סקולס און אנדערע זאכן וואס זענען וויכטיג פאר די קאמיוניטי.

**אפיס פון ריינע ענערגיע לאקאציעס און עלעקטריציטעט אריבערפירונג עקזעקיוטיוו דירעקטאר, Zeryai Hagos (זעריעי האגאָוס), האט געזאגט,** "מיט די ארויסגעבונג פון די לאקאציע פערמיט פאר דעם White Creek סאלאר פראיעקט, זעצט ORES פאר צו פאראויס שטופן ניו יארק'ס לאנד'ס-פירנדע ריינע ענערגיע פאליסיס בשעת'ן זיך איינהערן צו די קאמיוניטי'ס קאמענטארן און היטן אויף די סביבה."

די אפיס'ס באשלוס פאר די איינריכטונג פאלגט נאך א גרונטליכע און אפענע איבערבליק פראצעדור מיט די פולע באטייליגונג פון די פובליקום צו זיכער מאכן אז דער פארגעשלאגענער פראיעקט ערפילט אדער שטייגט איבער די פאדערונגען פון ארטיקל VIII פון דעם ניו יארק סטעיט פובליק סערוויס געזעץ ( Public Service Law) און די רעגולאציעס אונטער דעם געזעץ. די סאלאר איינריכטונג אפליקאציע איז באשטימט געווארן צו זיין פארטיג אום יולי 21, 2024, מיט אן ערשטיגע נוסח פאר די פערמיט ארויסגעגעבן דורך די אפיס אום סעפטעמבער 13, 2024.

White Creek סאלאר איז די 20'סטע לאקאציע פערמיט צו ארויסגעגעבן ווערן דורך ORES זינט 2021, זייענדיג אלע צוזאמען א מאס פון איבער 2.9 גיגאַוואַט (gigawatt, GW) פון נייע ריינע ענערגיע. די סאלאר עלעקטריציטעט גיבט א באדייטפולע שטופ פאר ניו יארק'ס ריינע ענערגיע ציהלן, בשעת'ן וועקשטעלן די סטעיט אלס א מוסטער פאר גלאבע, אפענע און גרונטליכע לאקאציע פערמיט פראצעדורן פון גרויסארטיגע באנייבארע ענערגיע איינריכטונגען.

די היינטיגע באשלוס קען ערהאלטן ווערן דורכן גיין צו די ORES וועבזייטל אויף [https://ores.ny.gov/permit-applications](https://ores.ny.gov/permit-applications).

**ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע**

ניו יארק סטעיט'ס קלימאט אגענדע רופט פאר א אן אפּאָרדעבעל און יושר'דיגע אריבערגאנג צו אן עקאנאמיע פון ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט דזשאבס פון וועלכע עס איז מעגליך צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס שטופט פאר עקאנאמישע וואוקס דורך גרינע אינוועסטירונגען און פארזיכערט אז א מינימום פון 35 פראצענט פון די בענעפיטן קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ניו יארק רוקט זיך פאראויס מיט א רייע באמיאונגען צו ערגרייכן אן עמיסיעס-פרייע עקאנאמיע ביז 2050, אריינרעכענענדיג אין די ענערגיע, געביידעס, טראנספארטאציע און מיסט סעקטארן.

###


נאך נייעס קען מען באקומען ביי [www.governor.ny.gov](http://www.governor.ny.gov)
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | [press.office@exec.ny.gov](mailto:press.office@exec.ny.gov) | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: [ny.gov/signup](https://ny.gov/signup) | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן